גוט שבת אלע אידן. אין די יאר תשמ"ט האט די גאנצע אידישע וועלט זיך געפריידט צו הערן וועגן די מפלה פון די רשעותדיגע רוסישע רשעים. מיליונען אידן וואס האבן געליטן הינטער דעם אייזענעם פארהאנג מער ווי זיביציג יארן, האבן ערשט דעמאלט געקענט אטעמען.

די שטאט לעבוב (לעמבערג) אין אוקריינא האט געהאט א גרויסע צאל אידען, וואס רובם האבן גארנישט געוואוסט פון אידישקייט. עס איז געקומען די ערשטע ימים נוראים נאך אלע יארן, פאר די אידן אין לעבוב. זיי האבן געוואלט פירן א יום טוב דאווענען אין דעם ריזיגען שול אין לעבוב. נאר א שטיק צייט פריער איז דער בנין פונעם שול צוריקגעגעבן געווארן צו די אידישע קהילה. אבער, די אידן דעמאלט אין לעבוב זענען געווען אזא פשוט'ע אידן וואס האבן גארנישט געקענט פון אידישקייט. אפילו זיי האבן שטארק געוואלט האבן דעם יום טוב'דיגע דאווענען האבן זיי נישט געהאט קיינער וואס זאל קענען פירן דעם דאווענען.

עס איז דא א איד וואס וואוינט אין מאנסי וואס הייסט ר' אלי מינטץ (זיין עכטע נאמען), און ער האט געהערט אז מען זוכט א בעל תפילה פאר די ימים הנוראים אין לעבוב. ער האט גלייך מסכים געווען צו קומען פירן דעם דאווענען ראש השנה. בעפאר ער איז ארויסגעפארן, איז ער געגאנגען נעמען א ברכה פון דעם באבוב'ער רבי'ן זצ"ל. דער באבוב'ער רבי'ס טאטע דער קדושת ציון הי"ד איז גראדע אומגעקומען אין די מלחמה יארן אין שטאט לעבוב, וועגן דעם האט דער באבוב'ער רבי געהאט עפעס א שייכות מיט דעם שטאט. דער רבי האט שטארק אנגעוואונטשן ר' אלי אז ער זאל מצליח זיין.

באלד דערנאך איז ר' אלי טאקע אנגעקומען קיין לעבוב. ער האט מיטגעברענגט אלעס למשל מחזורים, א שופר, וויין, לעכט וכו', ווייל ער האט זיך פארגעשטעלט אז ער וועט גארנישט טרעפן דארט. אלי איז טאקע איבערגענומען געווארן צו זעהן דעם תמימותקייט פון די אידן וואס האבן אים אויפגענומען אין לעבוב. כאטש אז זיי האבן נישט געקענט די אלף בית, האבן זייערע הערצער געברענט מיט א פייער פאר אידישקייט. אלי האט צוזאמענגעשטעלט די "ראשי הקהילה" צו זעהן אויב זיי האבן אים געקענט העלפן ערלעדיגן אלעס וואס מען האט געדארפט טון צו צוגרייטן דעם שול וכו'.

עס איז געקומען די יום הדין. אלי איז ארויפגעגאנגען אויף דער בימה. לעבן אים איז געשטאנען א אלטער איד איינער פון די ראשי הקהילה ר' מלך שוחט, וואס האט איבערגעטייטשט אויף רוסיש די ווערטער וואס אלי האט גערעדט אויף אידיש. אלי האט אנגעהויבן צו רעדן צום עולם בעפארן דאווענען. ער האט אנגעהויבן מיט דערציילן א מעשה פון דעם בארדיטשעווער רב זי"ע:

איין יאר ראש השנה איז אריינגעקומען צום בארדיטשעווער'ס בית מדרש א פשוטער איד א בעל עגלה. ער האט גארנישט געקענט דעם דאווענען. ער האט אפילו נישט געקענט ליינען א מחזור. דער איד האט זיך אראפגעזעצט אין דעם שול, אבער ער האט גארנישט גערעדט. סוף כל סוף האט זיין נשמה אזוי שטארק געגליסט צו דאווענען, אז ער האט נישט געקענט זיך צוריקהאלטן. ער האט אויפגעהויבן זיין אויגן צום הימעל און ער האט געזאגט "רבונו של עולם דו ווייסט אז איך ווייס נישט וויאזוי צו דאווענען. אלעס וואס איך ווייס איז די אלף בית וואס מיין טאטע האט מיך געלערנט אלץ קינד. איך בעט דיך, השם, נעם די אותיות פון די אלף בית וואס איך גיי יעצט זאגן און מאך פון די אותיות די ריכטיגע ווערטער!" דער עולם אין דעם בארדיטשעווער שול האט זיך געוואונדערט וועגן דעם, און אפאר האבן אפילו געלאכט פון אים. אבער דער בארדיטשעווער זי"ע האט געזאגט אז אין די זכות פון דעם פשוטער איד'ס "תפילה" איז טאקע מבטל געווארן א שרעקליכע גזירה וואס איז נגזר געווארן קעגען די אידן.

ווען ר' אלי האט געענדיגט דעם מעשה, האט ער ארומגעקוקט צו זען אז יעדער איינער אין דעם גרויסן שול קוקט אויף אים. אן עלטערער איד האט זיך פלוצלינג אויפגעשטעלט און ער האט געזאגט, "איך וויל זאגן די אלף בית, אבער איך קען אפילו נישט!"

דאן האט ר' אלי געהאט אן איינפאל. ער האט געזאגט צום עולם דורכן איבערזעצער, אז מען גייט זאגן די אלף בית אלע צוזאמען. דאן האט ער אנגעהויבן טאקע צו זאגן יעדע אות, און דער עולם האט עס נאכגעזאגט. אפילו רוב פון זיי האבן אפילו נישט געקענט די אלף בית, זענען זיי זייער שטארק נתעורר געווארן. דאן האט אלי אנגעהויבן דעם דאווענען מיט א ברען און עס איז געווען א דערהויבענע ראש השנה. אפילו די אידן אין לעבוב זענען היינט זייער שטארק נתחזק געווארן אין אידישקייט, פאגן זיי אן דעם דאווענען צום היינטיגען טאג מיט זאגן די אלף בית!

מען קען אפלערנען פון דעם מעשה די ריכטיגע צוגאנג צו דעם ראש השנה דאווענען. מיט אין זין האבן די פשוט'ע כוונות פון די ווערטער וועלן אונזער תפילות אי"ה אנקומען צום ריכטיגען פלאץ אין הימעל.

מען זאגט טאקע אז תפילה איז איינע פון די דריי זאכן וואס האט א כח צו מבטל זיין א שלעכטע גזירה, ל"ע. חז"ל רופן תפילה "עבודה שהיא בלב." (תענית ב.) די תורה האט געוואלט אפשר מרמז זיין אז תפילה דארף זיין מיט א ברען. אזוי ווי מען לייגט אריין כוחות אין דעם ארבעט אדער אין דעם לערנען, דארף מען אזוי פיל אריינלעגן אין דער תפילה. זאגט דער של"ה הקדוש, אין דעם נאמען פונעם אברבנאל (אבות ג, יג) "תפלה בלא כוונה כגוף בלא נשמה." זאגט דער של"ה ווייטער "שצריך האדם לעבוד עבודה גדולה בלב ולהיות גבור כארי להתעורר שלא יעלה על מחשבתו שום מחשבת חוץ, ואם לא יוכל לפנות לבבו מהמחשבות בשעת התפלה, יבקש תחבולות ועצות, כגון שיחשוב שהבורא יתברך נצב נגדי ומביט מוצא שפתי ובוחן מחשבות לבי." ד"ה ווען מען דאווענט מוז מען טון אלעס נאר צו קענען ריכטיג מכוון זיין די תפילה. דורך דעם וועט אי"ה קענען אויפטון אין הימעל מיט אונזערע תפילות אזוי ווי די פשוט'ע אידן, און מיר וועלן אלע זוכה זיין צו א גוט יאר, א זיס יאר, א כתיבה וחתימה טובה אלע אידן!



# לשנה טובה תכתבו ותחתמו לאלתר לחיים

נתרם לרפו"ש של מרדכי מנחם מענדל בן ציפורה יוטא, שאשא מלכה בת גאלדא, משה דוד בן מרים בתשח"י
לנדב גליון זה לרגל שמחה או אירוע אחר, נא להתקשר למתתי' וואלפבערג 3234–362 (845)
כל המענג את השבת נותנין לו משאלות לבו (שבת קיח:) - נא לעיין דף זה לאחר התפילה